**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/20/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט נייע פינאנצירונג צו העלפן קאונטיס מיט קאָוויד-19 אפרוף קאסטן

***הילף וועט דעקן קאסטן פארבינדן מיט וואקסין, בּוסטער, טעסטס און מאסקע-פארבינדענע אויסגאבן***

***געלטער העלפן קאונטיס באקעמפן שטייגונג אין פעלער אין לויף פון דעם האָלידעי סעזאן אנפלייץ***

***זיך וואקסינירן, בּוסט׳ען און טראגן מאסקעס זענען נאך אלץ די בעסטע מיטלען זיך צו האלטן זיכער דורכאויס דעם סעזאן פון אינעווייניגע פארזאמלונגען***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז זי שטעלט צו 65 מיליאן דאלער פאר קאונטיס לענגאויס ניו יארק סטעיט כדי צו העלפן מיט די קאסטן פארבינדן מיט אדמיניסטרירן וואקסינען און בּוסטערס און אינפארסירן דער מאסקע-אדער-וואקסין מאנדאט פאר אינעווייניגע פובליק פלעצער, וועלכע איז אריין אין קראפט איבער׳ן גאנצן סטעיט פאריגע וואך.

״זיך וואקסינירן און טראגן א מאסקע זענען די זיכערסטע וועגן צו באקעמפען קאָוויד און זיך האלטן סעיף, און די געלטער וועלן העלפן קאונטיס איבער׳ן סטעיט אינפארסירן די פארשטענדליכע, פאראנטוואורטליכע און ווירקזאמע ׳מאסק-אדער-וואקס׳ מאנדאט ביז מיטל יאנואר,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״דער סטעיט נעמט ברייטע מאסנאמען צו באקעמפען דער פאנדעמיע און געבן פאר ניו יארקער די געצייג וואס יעדער דארף אויף זיך צו האלטן זיכער. אנשטאט צו פארשפרייטן קאָוויד, לאז מיר פארשפרייטן האָלידעי פרייד און עס טון זיכערערהייט דורך זיך וואקסינירן און טראגן מאסקעס אינעווייניג אין פובליק פלעצער.״

ביז 1 מיליאן דאלער וועט זיין צו באקומען פאר רוב קאונטיס, מיט גרעסערע קאונטיס בארעכטיגט אויף צו באקומען ביז 2 מיליאן דאלער. כאָטש עס איז דער סטעיט׳ס ערווארטונג אז ניו יארקער וועלן פארשטיין די וויכטיגקייט פון נאכפאלגן די נייע פאדערונגען דורכאויס דעם ווינטער אנפלייץ און אזוי ווי מיר לאזן זיך אריין אין דעם האָלידעי סעזאן, וועט אינפארסירונג געטון ווערן דורך ארטיגע העלט דעפארטמענטס. די נייע געלטער וועלן זיין אנווענדליך צו אויסגאבן שולדיג געווארן דורך קאונטיס און ארטיגע העלט דעפארטמענטס פון ווען דער ׳מאסקע-אדער-וואקסין׳ מאנדאט איז געמאלדן געווארן אום דעצעמבער 10 ביז עס וועט אפלויפן אום יאנואר 15, 2022, און וועט געגעבן ווערן אויף צוריקצאל באזיס דורך אן אפליקאציע צו דעם העלט דעפארטמענט. בארעכטיגטע אויסגאבן רעכענען אריין: שטאב און ארט-ספעציפישע קאסטן פאר סיי וועלכע ארט וואס טוט אנבאטן וואקסינען, בּוסטערס, און / אדער טעסטס; פערסאנאל קאסטן פארבינדן מיט מאסקע, טעסט, און וואקסין / בּוסטער אויסטיילונג; פערסאנאל קאסטן פארבינדן מיט מאסקע פראטאקאל אינפארסירונג; און פובליק באקאנטשאפט אונטערנעמונגען פאר דעם ׳מאסקע-אדער-וואקסין׳ פראטאקאל.

**דעפּאַרטמענט אָוו העלט קאמישענער דר. מערי טי. באסעט האט געזאגט,** ״דאס לינדערן אין עטליכע שיכטן איז הערכסט-נויטיג צו באקעמפן דעם ווינטער אנפלייץ. דער סטעיט זעצט פאר ווייטער צו טון אלץ וואס מעגליך צו הייבן און באשיצן דער געזונט פון ניו יארקער, און די נייע געלטער וועלן העלפן שטיצן די אונטערנעמונגען אין ארטיגע קאמיוניטיס אויפ׳ן פלאץ — כדי אז זיי זאלן האבן די שטיצע-מיטלען וואס זיי דארפן אויף צו האלטן זיכער קאמיוניטי מיטגלידער. אזוי ווי פעלער און האספיטאליזאציעס שטייגן, מוזן מיר געדענקען: מיר האבן די נויטיגע געצייג צו באשיצן זיך און אונזערע נאענטע און באליבטע. פארברייטערן פינאנצירונג צו שטיצן ארטיגע קאונטי העלט דעפארטמענטס דורך צוטריט צו טעסטינג, מאסקעס און, צום מערסטנס, זיך וואקסינירן און בוסט׳ען, זענען נאך אלץ אונזער בעסטע באשיצונגען קעגן דעם ווירוס און דער אָמיקראָן װעריענט.״

קאונטיס וועלכע באטייליגן זיך אין די אינפארסירונג פון דער גאנץ-סטעיט׳יגע ׳מאסק-אדער-וואקס׳ מאנדאט וועלן זיין בארעכטיגט זיך צו ווענדן פאר די צוגעגעבענע הילף. פינאנצירונג פאר אנדערע אויסגאבן איז נאך אלץ צו באקומען פאר אלע קאונטיס פון א באזונדערע 65 מיליאן דאלערדיגע קאסע צוגעשטעלט אין סעפטעמבער.

די אנאנסמענט קומט אין א צייט וואס נייע פעלער שטייגן גיך אין א האָלידעי אנפלייץ און גאווערנער האקול׳ס אדמיניסטראציע רופט זיך אפ מיט אגרעסיווע מאסנאמען צו האלטן האספיטאליזאציעס און אינפעקציעס ווי נידעריגער מעגליך.

ביישטייערער צו דעם לעצטערן אנפלייץ נעמען אריין די דעלטע און אָמיקראָן וועריענטן פון קאָוויד-19 און געהעכערטע אינעווייניגע פארזאמלונגען דורכאויס דעם האָלידעי סעזאן. אום פרייטאג האט גאווערנער האקול [אנאנסירט](#) דאס ארויסשטעלן איבער 40 נייע וואקסינאציע פּאָפּ-אַפּ פלעצער ארום דעם סטעיט.

די אדמיניסטראציע ארבעט אויך אגרעסיוו צו העכערן די צוטריטליכקייט פון טעסטינג פאר ניו יארקער, מיט טעסטינג אויסגעפירט ביי מאסן וואקסינאציע פלעצער, א נייע טעסטינג פּאָרטעל אָנליין וואס וועט באלד אוועקגעשטעלט ווערן און 10 מיליאן נייע טעסט פעקלעך ארויסגעשטעלט צו ווערן צו ארטיגע העלט דעפארטמענטס ביז׳ן ענדע יאנואר, אריינגערעכנט 5 מיליאן ביז׳ן נייעם יאר.

גאווערנער האקול האט אנאנסירט [א באזונדערע 65 מיליאן דאלער](#) אין הילף צו קאונטיס אין סעפטעמבער ארויסצוהעלפן מיט די גיכע און פארלעסליכע אויסטיילונג פון בוסטער-שאַטס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן